NEW YORK STATE | Department of Labor
WORKING FOR YOU

Division of Labor Standards
1220 Washington Ave.
Albany, NY 12226

# אנווייזונגען: טעמפלעיטס פאר מעלדונג פון צאלונג ראטעס, באצאלונג-טעג און ארבעטער באשטעטיגונג אונטער אפטיילונג 195.1 פון דער ניו יארק סטעיט לעיבער געזעץ

דער דעפארטמענט אוו לעיבאר שטעלט צו טעמפלעיטס פאר צענדליגע באקאנטע סארטן פון צאלונג אפמאכונגען אריינגערעכנט צוויי שפראכיגע מעלדונגען און באשטעטיגונגען אין כינעזיש, העישען-קרעאל, קארעאניש, פויליש, רוסיש און שפאניש. ארבעטסגעבער קענען מאכן זייער אייגענע מעלדונגען, נוצן אדער צופאסן די לעיבער דעפארטמענט בויגנס, אזוי לאנג ווי די:

- געפאדערטע אינפארמאציע ערשיינט אין ענגליש און אין דער ארבעטער'ס הויפט שפראך (אויב טעמפלעיט איז אוועילעבל)
- ארבעטער דערהאלט א קאפיע
- ארבעטער שרייבט אונטער א באשטעטיגונג פון רעסיט, און אידענטיפיצירט זייער הויפט שפראך צום ארבעטסגעבער
- ארבעטסגעבער האלט א קאפיע פון דעם מעלדונג און באשטעטיגונג פאר 6 יאר

אונטן זענען פארהאן אנווייזונגען אויסצואוועלן פון צווישן די טעמפלעיטס. פאר איינצעלהייטן אדער הילף, זעט די אנווייזונגען (LS 52) אדער פארבינדט זיך מיטן אפטיילונג פון לעיבאר סטאנדארטן.

### LS 54 מעלדונג פאר פער שעה ראטע ארבעטער

דער בויגן איז פאר פער שעה ארבעטער וועלכע זענען נישט עקזעמפט פון דעם דעקונג אונטער די גילטיגע שטאטישע און פעדעראלע אווערטיים פאדערונגען. צום ביישפיל, נוצט פאר אן ארבעטער וועמענס געוועגליכע ראטע פון באצאלונג איז $10 פער שעה און אווערטיים ראטע איז $15 פער שעה.

### LS 55 מעלדונג פאר פילצאליגע פער שעה ראטע ארבעטער

דער בויגן איז פאר ארבעטער וועלכע ווערן באצאלט מער ווי איין ראטע פאר פארשידענע סארטן פון ארבעט אדער אנדערע שיפטס. צום ביישפיל, נוצט דעם בויגן פאר אן ארבעטער וועלכער ווערט באצאלט $10 פער שעה פאר ארבעט אלס א ריייניגער און $12 פער שעה פאר ארבעט אלס א גראז שניידער, אדער אן ארבעטער וועלכער איז באצאלט איין ראטע פארן ארבעטן דעם טאג שיפט און אן אנדערע ראטע פארן נאכט שיפט.

### LS 56 מעלדונג פאר ארבעטער באצאלט א וועכנטליכע ראטע אדער א סאלארי פאר א באשטימטע צאל שעות (40 אדער ווייניגער אין א וואך)*

דער בויגן איז פאר ארבעטער וועלכע באקומען א וועכנטליכע ראטע אדער א סאלארי פאר א באשטימטע צאל שעות (40 אדער ווייניגער אין אן ארבעטס וואך).

- דער ארבעטער'ס געוועגליכער ראטע איז די וועכנטליכע ראטע אדער סאלארי צעטיילט אין די צאל שעות וועלכע עס איז געמאכט צו פארגיטיגן.
- די אווערטיים ראטע איז 1½ מאל דעם געוועגליכן ראטע.

אויסער אין שטארק באגרעניצטע אומשטענדן, איז אומגעזעצליך צו צאלן א באשטימטע (נישט-טוישנדע) וועכנטליכע ראטע פאר ארבעט וואכן וועלכע זענען פארשידארטיג איבער 40 שעה. אפילו וואו עס איז פארהאן א סטאנדארט ארבעטס וואך, זענען געוועגליך פארהאן אנגעלעגנהייטן וואו ארבעט שעות טוישן זיך. צוליב די סיבה, האבן מיר נישט צוגעשטעלט קיין טעמפלעיט פאר וועכנטליכע ראטעס פאר ארבעטסוואכן פון איבער 40 שעה. כדי צו פארמיידן אווערטיים פארלעצונגען, רעקאמענדירט דער דעפארטמענט שטארק אז ארבעטגעבער זאלן צאלן א פער-שעה ראטע פאר אווערטיים בארעכטיגטע ארבעטער וועמענס סטאנדארט ארבעט וואך איז איבער 40 שעה.

**LS 57 מעלדונג פאר ארבעטער וואס ווערן באצאלט א געהאלט פאר פארשידנארטיגע שעות, טעגליכע ראטע, פער שטיק ראטע, פלאכע ראטע, אדער אנדערע נישט פער- שעה באזיס***

דער בויגן איז פאר נישט-עקזעמפט ארבעטער וועלכע ווערן באצאלט א געהאלט פאר פארשידארטיגע שעות פון ארבעט, א טעגליכע ראטע, פער שטיק ראטע, פלאכע ראטעס, אדער סיי וועלכע אנדערע באצאלונג וועלכע איז נישט באזירט אויף פאקטישע שעות פון ארבעט. אין יעדן אווערטיים וואך, מוז דער ארבעטסגעבער:

- אויסרעכענען דעם געוועגליכן ראטע (סך הכל געוועגליכער באצאלונג צעטיילט אין סך הכל שעות פון ארבעט)
- אויסרעכענען די אווערטיים פרימיום (½ דער געוועגליכע ראטע)
- מולטיפליי'ען די אווערטיים פרימיום מיט דעם צאל פון אווערטיים שעות, און
- צאלן די אווערטיים פרימיום אין צוגאב צום סאלארי, טעגליכע ראטע, פער שטיק ראטע, פלאכע ראטע, אדער אנדער באצאלונג.

**LS 58 מעלדונג פאר אנגייענדע ראטע און אנדערע דזשאבס** נוצט דעם בויגן ווען דער ארבעטער:

- ארבעט אויף פובליק ארבעט פראיעקטן (ד.מ. פראיעקטן געדעקט דורך די אנגייענדע געהאלט פאדערונגען אין שטאטישע און פעדעראלע געזעץ) אדער
- טוט געמישטע אנגייענדע ראטע און נישט-אנגייענדע ראטע ארבעט.

עס איז פארהאן פלאץ אויפן בויגן פארן ארבעטסגעבער צו אריינלייגן די געוועגליכע און אווערטיים ראטעס צו ווערן באצאלט פאר די אנדערע (נישט-אנגייענדע געהאלט) ארבעט. דער בויגן ערקלערט דער ארבעטער אז סיי וועלכע פרימיום באצאלונג וואס מען באקומט אויף אנגייענדע ווערדזש דזשאבס אין א וואך וועט זיין קרעדיט צו סיי וועלכע אווערטיים פרימיום עס קומט אים פארן ארבעטן איבער 40 שעה אין דעם וואך.

**LS 59 מעלדונג פאר עקזעמפט ארבעטער**

נוצט דעם בויגן פאר ארבעטער וועלכע זענען עקזעמפט פון פרימיום אווערטיים באצאלונג אונטער אדער שטאטישע רעגולאציעס אדער די פעדעראלע פעיר לעיבאר סטאנדארטן אקט. דער ארבעטסגעבער זאל אידענטיפיצירן די אווערטיים עקזעמפשאן אדער, אויב אן ארבעטער איז אינדרויסן פון דעם אפטייטש פון דעם טערמין "ארבעטער" אין ארטיקל 19 פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ, זאל דער ארבעטסגעבער אידענטיפיצירן דעם מינימום ווערדזש עקזעמפשאן.

**LS 62 מעלדונג צו ווערדזש פאריטי היים קעיר געהילף און אנדערע ארבעטס**

נוצט דעם בויגן פאר ווערדזש פאריטי בארעכטיגטע היים קעיר געהילף. דער ארבעטסגעבער זאל באצייכענען יעדן סארט און פאסיגע צאל ווערדזש סופלעמענטן וואס מען געבט פאר ארבעטער אויב זיי קלייבן אויס צו צופרידנשטעלן דאס ווערדזש פאריטי פאדערונג דורך באצאלונג פון נאך ווערדזשעס, סופלעמענטל ווערדזשעס און/אדער א צוזאמשטעל פון ביידע.

**LS 309 מעלדונג און ארבעט אפמאך פאר פארם ארבעטער**

דער בויגן וועט אויספאלגן דעם באצאלונג מעלדונג פאדערונגען פון אפטיילונג 195.1 און די ארבעט אפמאך פאדערונגען פון די מינימום ווערדזש באפעל פאר פארם ארבעטער.

*ארבעטסגעבער אין די האספיטאליטי אינדוסטריע קענען נישט באצאלן א נישט-עקזעמפטער ארבעטער א נישט פער-שעה ראטע, אויסער פאר קאמישאנד פארקויפער.